**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/13/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט עלעקטרישע אויטא פראגראמען און מוטיגט ניו יארקער צו באזוכן אינעווייניגע עלעקטרישע אויטא טעסט טרעק ביי ניו יארק אינטערנאציאנאלע אויטא שאוי**

***צען 'איוואָלוו NY' EV שנעלע טשארדזשערס פלאנירט פאר לאגווארדיע עירפארט, זיך צו עפענען 2023***

***הויך-ספּיד 'איוואָלוו NY' נעטוואָרק פארברייטערט זיך צו 100 טשארדזשערס לענגאויס ניו יארק סטעיט, מאכן גרינגער צו דרייווען EV'ס און דעקארבאניזירן טראנספארטאציע סעקטאר***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט עלעקטרישע אויטא פראגראמען און אן EV טעסט טרעק באקרעפטיגט דורך דעם ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט'ס 'איוואָלוו NY' הויך-ספּיד טשארדזשערס וועלן זיין פארנט און אין צענטער הייַ-יאר ביי דעם [ניו יארק אינטערנאציאנאלע אויטא שאוי](#) וואס עפענט זיך ביי דזשעוויטס צענטער פרייטאג, אפריל 15, און וועט לויפן ביז אפריל 24. גאווערנער האָקול האט אויך אנאנסירט צען שנעלע טשארדזשערס וועלכע קענען באקרעפטיגן צוגעפאסטע EV'ס אין ווייניגער ווי 30 מינוט, וועלן אינסטאלירט ווערן ביי דער פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי'ס לאגווארדיע עירפארט אלס טייל פון NYPA'ס 'איוואָלוו NY' שנעלע טשארדזשינג נעטווארק. דער סטעיט'ס 'איוואָלוו NY' עלעקטרישע אויטא טשארדזשינג נעטוואָרק וועט באלד האבן מער ווי 100 הויך-ספּיד טשארדזשינג פּאָרטס לענגאויס דעם סטעיט. אין צוגאב, אויף צו שטיצן דער סטעיט'ס 1 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן מער EV באניץ און אינפראסטרוקטור אין איר 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע, האט גאווערנער האָקול איינגעלאדנט דעם פובליק צו באזוכן דער סטעיט'ס 'טשאַרדזש NY' בודקע ביים אויטא שאוי צו אויסגעפונען מער איבער סטעיט פראגראמען וועלכע שטיצן EV קויפן, דרייוו'ען און טשארדזש'ען און צו באזוכן דעם 'לעוועל 1' טעסט טרעק באקרעפטיגט דורך 'אי-וואלוו NY' טשארדדזשערס.

"עלעקטרישע אויטאס זענען דאס שליסל צו דעקארבאניזירן אונזער טראנספארטאציע סיסטעם און אזוי ווי דער אלוועלטליכע אויטא אינדוסטריע אינוועסטירט שווער אין די לעצטע זערא-עמיסיע אויטאס וועט ניו יארק ווייטער פאקוסירן אויף פארברייטערן אונזער קראָס-סטעיט שנעלע טשארדזשינג נעטווארק און באלוינען EV באניץ, וואס וועט אונז העלפן אריבערגיין צו א געזונטערע, גרינערע צוקונפט," **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** "עס איז מיר א כבוד פערזענליך אויפצונעמען דער ניו יארק אינטערנאציאנאלע אויטא שאוי צוריק צו ניו יארק און איך מוטיג יעדן צו באזוכן דעם אויטא שאוי צו זען וויאזוי EV באניץ ווערט שנעל איינגעלידערט אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע עקאנאמיע."

אויטא שאוי באזוכער קענען נעמען א רייד, מיט אן אויטאריזירטער דרייווער, אין א ריי EV אויטאס און עקספּלארירן פארשטעלונגען וועלכע שטיצן קאנסומער באוואוסטזיניגקייט און EV באניץ אריינגערעכנט ניו יארק'ס 'טשאַרדזש NY' פארשטעלונג אויפ'ן ערשטן שטאק, הארט נעבן די 'איוואָלוו NY'

טשאַרדזשינג סטאַנציעס און די הויפּט EV טעסט טרעק, איינע פון דריי אינעווייניגע EV טעסט טרעקס ביי דעם היי-יעריגן שאָוי.

NYPA באַזאָרגט זיבן 'לעוועל 2' טשאַרדזשערס פאַר דעם טעסט טרעק, וואָס איז צו באַקומען פאַר'ן באַניץ דורך סיי וועלכע פאַרשטעלער מיט אן EV. דער 'לעוועל 1' EV טעסט טרעק 'דזשוס-באָקס' טשאַרדזשערס ווערן צוגעשטעלט דורך 'אינעל-עקס'.

גאווערנער האָקול האָט אויך היינט אַנאָנסירט אז 10 היי-ספּיד טשאַרדזשערס מיט קראַפט ביז 350 kW זענען באַוויליגט געוואָרן ביי דעם פּאָרט אויטאָריטעט'ס לאַגוואַרדיע ערפּאָרט אין קווינס. דער האָב, א טייל פון דעם 'איוואָלוו NY' נעטוואָרק, וועט זיין איינע פון די גרעסטע פּובליק צוטריטליכע שנעלע טשאַרדזשינג סטאַנציעס פאַר EV אויטאָס אין צפון-מזרח. די טשאַרדזשערס וועלן אינסטאַלירט ווערן אין א נייעם אָרט, צו ווערן אַנטוויקלט אויף ראַנוועי דרייוו צווישן טערמינאַלן A און B און זענען ערוואַרטעט זיך צו עפענען אין 2023. די טשאַרדזשערס וועלן דינען דעם אַלגעמיינעם פּובליק אַריינגערעכנט רייד-שעיר און טאַקסי דרייווער, און וועלן צושטעלן טשאַרדזשינג פאַר אַלע EV אויטאָס, אַריינגערעכנט 'טעסלאַ' אויטאָס מיט אן אַדאַפּטער. אין 2020 איז אן ענליכן אָרט געעפנט געוואָרן ביי JFK אינטערנאַציאָנאַלע ערפּאָרט. אין דעם פאַרלאָפענעם יאָר האָט דער JFK אָרט זיך פינף-פאַכיג געהעכערט אין באַניץ, רעגיסטרירנדיג איבער 11,000 טשאַרדזשינג סעסיעס.

די שנעלע טשאַרדזשערס וועלן דערגאַנצן די 11 עקזיסטירנדע מיטלמעסיג-שנעלקייט מעדיום-ספּיד טשאַרדזשערס וועלכע סערווירן קאַסטומערס וועלכע פּאַרק'ען אין דעם ערפּאָרט'ס אינעווייניגע פּאַרקינג גאַראַזשעס. אין 2021 איז די פּאָרט אויטאָריטעט געוואָרן דער [ערשטער טראַנספּאָרטאַציע אַגענטור](#) אין דעם לאַנד איינצופירן דיביידען אַדמיניסטראַציע'ס גרינהויז גאַז רעדוקציע צילן מיט א פּלאַן צו דערגרייכן נעטאָ-זעראָ קאַרבאָן עמיסיעס ביז 2050 איבער אירע אַלע איינריכטונגען. אין צוגאַב האָט דער אַגענטור באַשטימט נייע צווישנצייטיגע צילן צו רעדוצירן דירעקטע עמיסיעס אונטער דער פּאָרט אויטאָריטעט מיט 50 פּראָצענט ביז 2030.

**ניו יאָרק פּאַוער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פּרעזידענט און CEO דזשאַסטין אי. דריסקאָל האָט געזאָגט,** "עלעקטרישע אויטאָס ווערן מיט רעכט אָנערקענט אין צענטער בינע ביים היי-יעריגן ניו יאָרק אינטערנאַציאָנאַלע אויטאָ שאָוי. דורך קוקן אויף נייע EV מאָדעלס און זיך לערנען איבער די מערערע מעגליכקייטן פון טשאַרדזשינג, קענען אויטאָ שאָוי באַזוכער זען פאַרוואָס אַזוי פיל ניו יאָרקער וועהלן אויס צו דרייוו'ען EV אויטאָס. די ניו יאָרק פּאַוער אויטאָריטעט האָט געמאַכט גרויסע פאָרשריטן אין פאַרברייטערן איר 'איוואָלוו NY' שנעלע טשאַרדזשינג נעטוואָרק, אויף אַזוי וויט אַז מיר וועלן באַלד האָבן 100 שנעלע טשאַרדזשערס סטראַטעגיש פּלאַצירט לענגאויס דעם סטעיט, אַריינגערעכנט ביי ערפּאָרטס, מוניציפּאַלע און פּריוואַטע פּאַרקינג לאָטס און קאָנוויניענס געשעפטן. ניו יאָרקער קענען זוכן 'איוואָלוו NY' טשאַרדזשערס אויף 'גוּגל מעפּס' צו געפונען שנעלע-טשאַרדזשינג לאָקאַציעס אין זייער געגנט."

**קעווין או'טול, פאָרזיצער פון דער פּאָרט אויטאָריטעט פון ניו יאָרק און ניו דזשערזי, האָט געזאָגט,** "דורך צושטעלן 10 נייע שנעלע טשאַרדזשערס צו לאַגוואַרדיע ערפּאָרט האָפן מיר צוצושטעלן מער דרייווערס מיט צוטריטליכע טשאַרדזשינג אָפּציעס ביים ערפּאָרט. די פּאָרט אויטאָריטעט זעצט פאָר ווייטער צו טרעפן וועגן וויאַזוי מיר, אַלס אן אַגענטור, קענען רעדוצירן קאַרבאָן עמיסיעס, און דאָס רעכנט זיכער אַריין העכערן דער צאָל פּובליק צוטריטליכע טשאַרדזשינג סטאַנציעס."

**ריק קאָטאָן, עקזעקיוטיוו דירעקטאָר פון דער פּאָרט אויטאָריטעט פון ניו יאָרק און ניו דזשערזי, האָט געזאָגט,** "די פּאָרט אויטאָריטעט בלייבט אַנטשלאָסן צו דערגרייכן אן אַגענטור-ברייטע נעטאָ-זעראָ וויזיע פּלאַן און היינט זעצן מיר פאָר ווייטער יענע פאַרשפּרעכונג מיט'ן אַנאָנסירן 10 נייע EV טשאַרדזשערס

װעלכע קומען צו לאַגװאַרדיע ערפּאָרט. מיט די הילף פון אונזערע צוזאמארבעטער ביי דער ניו יארק פּאַוער אויטאָריטעט, ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון טראנספּארטאציע און ניו יארק סטעיט אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס, וועט לאגווארדיע ערפּאָרט קענען צושטעלן א נייע נעטוואָרק פון עפנטליכע EV שנעלע טשאַרדזשערס, ענדגילטיג רעדוצירן גרינהויז גאז עמיסיעס און אונז ברענגען נאענטער צו א ריינע ענערגיע צוקונפט.״

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO און קלימאט אקציע קאונסיל מיט-פארזיצער דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״עלעקטרישע אויטאס זענען אונזער צוקונפט און עס פריידט מיך שטארק זיי צו זען פראמינענט ארויסגעשטעלט ביי ניו יארק׳ס פרעמיערע אויטא שאָוי. דאס איז אן אויסגעצייכנטע מעגליכקייט פאר ניו יארקער זיך צו לערנען מער איבער דער געזונט און ענווייראנמענטאלע מעלות וואס די קאַרס טוען אנבאטן און נעמען איינס פאר א טעסט דרייוו צו זען וואספארא ווירקליכע הנאה מען קען האבן זיי צו אפערירן.״

**דעפּארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער און קלימאט אקציע קאונסיל מיט-פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״דער טראנספּארטאציע סעקטאר איז איינע פון די גרעסטע ביישטייערער צו גרינהויז גאז ארויסלאָז אינ׳ם סטעיט און אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט פירן מיר ווייטער אויס באמיאונגען צו שטיצן דאס באניץ פון עלעקטרישע אויטאס און אינפראסטרוקטור און אריבערגיין צו זערא-עמיסיע באסעס און טראָקס. דורך פראגראמען ווי DEC׳ס ׳קליימעט סמאַרט׳ קאמיוניטיס פראגראם פאר ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן צו רעדוצירן עמיסיעס און די מוניציפאלע זערא-עמיסיע אויטא פראגראם וואס העלפט קויפן אדער ליעס׳ען נייע זערא-עמיסיע אויטאס טוט דער DEC פאקוסירן אויף פארזיכערן ריינערע, גרינערע טראנספּארטאציע פאר אלע ניו יארקער צו פארבעסערן פובליק געזונטהייט און באקעמפן קלימאט ענדערונג סיי איצט און סיי פאר צוקונפטיגע דורות.״

**טרו-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר מעטהיו דז. דריסקאל האט געזאגט,** ״די טרו-וועי אויטאריטעט שאפט א ברייטער נעטוואָרק פון עלעקטרישע וויהיקל טשארדזשינג סטאנציעס, וועלכס איז דער שליסל צו העכערן דאס באניץ פון זערא-עמיסיע עלעקטרישע אויטאס. צוליב די טרו-וועי׳ס אינוועסטירונגען אין EV אינפראסטרוקטור זענען איצט פאראן 40 EV טשארדזשינג סטאנציעס אין אפעראציע ביי טרו-וועי קאָמיוּטער לאָטס, געקליבענע סערוויס ערטער, און אויפנאמע צענטערס, אין צוגאב צו וויניגסטנס צוויי הויכע מאס EV טשארדזשינג סטאנציעס ביי יעדע טרו-וועי סערוויס געגנט ביז׳ן ענדע 2024. אונזער ציל איז צו שאפן א שטאנדהאפטיגע באהעפטונג פון איין עק ביז׳ן אנדערן פון איבער 120 שנעלע טשאַרדזשינג EV סטאנציעס מיט א דורכשניט פון 30 מייל צווישן יעדע לאקאציע איבער׳ן סיסטעם.״

**דעפּארטמענט פון טראנספּארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״די אויפגאבע פונ׳ם סטעיט דעפּארטמענט פון טראנספּארטאציע איז צוצושטעלן פאר ניו יארקער א זיכערע, ווירקזאמע, באלאנסירטע און ענווייראנמענטאל אויסגעהאלטענע סיסטעם. עלעקטרישע אויטאס זענען א עסענט-נויטיגע וואפן אין דעם קאמף צו רעדוצירן גרינהויז גאזן און מיר שטאלצירן זיך צו שטיצן ניו יארק׳ס לאנד-וועגווייזיגע אגענדע צו באקעמפן קלימאט ענדערונג און אריינבאגלייטן א גרינערע עקאנאמיע.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אמטירנדע-קאמיסיאנערין און פרעזידענטקע און דעזיגנירטע CEO האופּ נייט האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט פארשנעלערט אירע לאנד-וועגווייזיגע ריינע ענערגיע צילן דורך פראגראמען וועלכע וועלן באלוינען דאס באניץ פון עלעקטרישע אויטאס און פארברייטערן שנעלע-טשאַרדזשינג נעטוואָרקס. ׳טשאַרדזש NY׳, ׳איוואָלוו NY׳ און דער ׳דרייוו קלין׳ ריבעיט שטיצן די סטעיט׳ס אמביציעזע באמיאונגען צו שאפן די ריינע ענערגיע אינפראסטרוקטור און דזשאָבס וועלכע וועלן אונטערטרייבן אונזער טראנזיציע צו א גרינע עקאנאמיע.״

**לעני סינג, הויכראנקיגע וויצע פרעזידענט פון קאן עדיסאן, האט געזאגט,** ״קאן עדיסאן שטאלצירט זיך צו ספאנסירן דער ניו יארק אויטא שאָוי׳ס עלעקטרישע אויטא טעסט טרעק ביי דעם היסטארישן מאמענט פאר׳ן אויטאמאביל אינדוסטריע. אזוי ווי דער עלעקטרישער אויטא מארקעט פארשנעלערט זיך איז קריטיש-וויכטיג צו פארזיכערן אז עס איז אוועקגעשטעלט א שטאנדהאפטיגע טשאַרדזשינג נעטוואָרק, און איינס וואס וועט שטיצן פארלעסליכקייט פון די עלעקטרישע גריד. דורך אונזערע EV פראגראמען העלפן מיר דאס מאכן א ווירקליכקייט פאר ניו יארק.״

**׳טשאַרדזש NY׳**

באזוכער צו דעם סטעיט׳ס ׳טשאַרדזש NY׳ בודקע אויף ׳לעוועל 1׳ (בודקע נומער 1509) קענען זיצן אין א ׳פאָרד מוּסטענג מאַק-אי׳ און זיך לערנען איבער אלצדינג וואס ניו יארק סטעיט האט אנצובאטן צו באקומען מער עלעקטרישע אויטאס און טראָקס אויפ׳ן ראוד.

פאריגעס יאר האט גאווערנער האוקול אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו באשטימען א ציל פאר אלע נייע פאסאזשיר קארס און טראקס פארקויפט אין ניו יארק סטעיט צו זיין זערא-עמיסיע ביז 2035 מיט אָף-ראָוד וויהיקלס און נייע העווי-דוטי און מעדיום-דוטי וויהיקלס וועלן נאכפאלגן אין 2045. צו דערגרייכן דעם מאס EV באניץ נויטיג וועט ניו יארק סטעיט ווייטער אינוועסטירן אין EV אינפראסטרוקטור, בויען קאנסומער קאנפידענץ אין קענען גרינגערהייט געפונען טשאַרדזשערס, און מאכן EV אויטאס צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער.

דער סטעיט׳ס ׳טשאַרדזש NY׳ איניציאטיוו העלפט שנעלערהייט העכערן די צאל עלעקטרישע אויטאס פארקויפט דורך הייבן באוואוסטזיניגקייט איבער טעכנאלאגיע און שטיצן דאס אינסטאלירן מער טשאַרדזשינג סטאנציעס צו מאכן גרינגער צו רייזן סיי וואו אין ניו יארק אין אן עלעקטרישן אויטא. די צוזאמארבעט צווישן NYPA, די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (NYSERDA) און דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג צילט צו פאראויס-פירן דעם סטעיט׳ס ציל צו רעדוצירן שעדליכע לופט-פארפעסטונג מיט 40 פראצענט מיט 2030 דורך עלעקטרישע אויטא פראגראמען, אינפראסטרוקטור, בילדונג און שטיצע.

**׳איוואָלוו NY׳**

דער ׳איוואָלוו NY׳ נעטוואָרק האט 84 היי-ספּיעד טשאַרדזשערס אפעראציאנעל איבער ניו יארק סטעיט מיט איבער 100 ערווארטעט ביז קומענדע מאנאט. פאר א מאפע וואס צייכנט אן ׳איוואָלוו NY׳ טשאַרדזשערס, דרוקט דא.

NYPA׳ס ׳איוואָלוו NY׳ פראגראם צילט צו מאכן עלעקטרישע אויטאס גרינג צו באזיצן אין ניו יארק סטעיט צו העלפן דעקארבאניזירן דעם סטעיט׳ס טראנספארטאציע סעקטאר. שנעלע טשאַרדזשערס ווערן פלאצירט לענגאויס גרויסע רייזע קארידארן און זענען צוגעפאסט פאר אלע סארטן איצטיגע EV מאדעלן. טשאַרדזשערס ווערן אינסטאלירט אין ערטער פון באפעלאו ביז אלבאני און די אדיראנדעקס ביז לאנג איילענד.

**׳דרייוו קלין׳ ריבעיט**

דער ׳טשאַרדזש NY׳ איניציאטיוו טוט אנבאטן EV קויפער א ׳דרייוו קלין׳ ריבעיט אויף ביז 2,000 דאלער פאר קויפן אדער ליעס׳ען א נייע קאַר דורך א פראגראם אנגעפירט דורך NYSERDA. קויפער קענען אויך אויסניצן דעם פעדעראלן שטייער קרעדיט פאר עלעקטרישע קאַרס, וואס וועט צושטעלן ביז 7,500 דאלער פאר׳ן קויפן א נייע עלעקטרישע קאַר.

אנדערע סטעיט איניציאטיוון טוען איצט פאראויס-פירן ריינע טראנספארטאציע רעכענען אריין ['EV מעיק רעדי'](), וואס שטיצט ארויסשטעלן טשאַרדזשינג סטאנציעס דורך דעקן ביז 90 פראצענט פון דעוועלאפערס קאסטן צו גרייט מאכן אן ארט פאר EV טשאַרדזשינג, און דער [ניו יארק טראַק וואָוטשער אינצענטיוו פראגראם (NYTVIP)](), וואס העלפט פובליק און פריוואטע פלאטן איינקויפן נידעריג און זערא-עמיסיע טראָקס און באסעס.

דרייווערס פון רוב עלעקטרישע אויטאס קענען אויך קוואליפיצירן פאר הנחות אויף NYS טרו-ווע׳י אויטאריטעט טאָלס דורך דער [טרו-ווע׳י אויטאריטעט׳ס ׳גרין-פעס׳ דיסקאַונט פלאן]() און ביי בריקן און טונעלן אין ניו יארק סיטי דורך דער [פארט אויטאריטעט׳ס ׳גרין פעס׳ פראגראם](). אין צוגאב ערלויבט דער [׳קליען פעס׳ פראגראם]() ערלויבט פאר די דרייווער צו ניצן הויכע צאל זיץ פלאץ אויטא (HOV ) לעינס ווען מען דרייוו׳ט אליינס.

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט׳ן אריינשטעלן אין געזעץ דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו דערגרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביז׳ן יאר 2040, אריינגערעכנט שאפן 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביז׳ן יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט איבער דער גאנצער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 33 ביליאן דאלער אין 102 גרויס-פארנעמיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990 שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-שפארעדיגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפ׳ן-פלאץ ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן]()